Hebr. Eg. 287
Sobel

## דער

# אידישער דעקלאמאטאר

לירישע, נאציאנאלע און ארבייטס-ליעדער.

פון

סאלאמאן סאבאל.

(אויס מאריאמפאל)

ווילנא תרס"ט.

דרוק פון ש. פ. גארבער

# אַיין אָפֶּענֶער בְּרִיעף.

גֶעעהְרְטֶע פְּרַיינְד!

מִיר האָפֶּען, דאָס דִי וועלכֿע עס קענען פערזאָנליך און האָבען געהערט דעקלאמירען דעם אוטאָר פון דעם אִידֶעשֶׁען דֶעקְלַאמאַטאָר וועלען געוויס בעצייגען זייער סימפאַטי און קויפען די ליעדער, אלס אַנדיינקונג פון זייער פריינד.

אַכֿטונגספֿאלל

דער אַווטאָר.

---


זיך ווענדען:

Маріамполь, Книж. магазинъ Вейсберга.

Ковно, Книж. магазинъ Л. Пташекъ.

Вильна, Книж. магазинъ Израелитъ, Рудницкая ул.

# דֶער
# אִידִישֶׁער דֶעקְלַאמַאטָאר

## לִירִישֶׁע, נַאצְיָאנַאלֶע אוּן אַרְבַּייטְס-לִידֶער.

פון

## סאלאמאן סאבאל.

איין פִידעֶל, איז מיר יעֶצט מיין הערץ
די סטרונעֶס — די צרות, דער פיין;
און גענומען איז פון מיין שמערץ
די נאָטעֶן, וואָס איך זינג זיי איין...

ס. סאָבאל


ווילנא תרס"ט.

דרוק פון ש. פ. גארבער

ЕВРЕЙСКІЙ ДЕКЛАМАТОРЪ.

СБОРНИКЪ СТИХОТВОРЕНІЙ.

Соч. С. СОБОЛЯ.

Вильна. Типографія Ф. ГАРБЕРА, Завальная, 25.

1909



ס. סאַבאַן

# אִיךְ גֵײה.

גענוּג שׁוין דיר, פֿײגעלע,
מיר טוּמלען מײַן קאָפּ.
פֿוּן קלײניניקען פֿענסטער׳ל
פֿליה בעסער אַראָפּ.

וואָס זינגסט מיר פֿוּן פֿריהלינג,
דוּ זעהסט דאָךְ, אִיךְ גֵײה,
זעה, לאָז דאָךְ מיר אַרבײַטען,
אַוועק פֿוּן מיר געה!

בעסער פֿליה צוּ די רײַכע
וואָס וואַרטען אויף דיר,
האָבען נוּטץ פֿוּן דײַן פֿריהלינג
אוּן געטליכען שיר.

ס׳דאָרט ניט שטערען קײַן אַרבײַט,
זײ לעבען זיךְ פֿײַן,
אוּן דײַן זיסינקע ליעדעלע
וועט פּאַסיג דאָרט זײַן.

זעה שטער מיר ניט, פֿײגעלע,
אַוועק פֿוּן מיר גֵעה!
צוּ לײדיגע, רײַכינקע,
דוּ זעהסט דאָךְ; אִיךְ גֵײה.

# דֶער װֶעבֶּער.

נִיט פֿוּן שֶׁענֶע, הוֹיכֶע הִימלֶען
װעל אִיך אִין מַײַן לִיעד אַײך זִינגֶען,
דֶען גֶעהֶענדִיג אַײן גֶעבּוֹיגֶען,
פֿלֶעגט זֵײ זֶעהן... מִיר נִיט גֶעלִינגֶען:

אוֹיך נִיט פֿוּן דֶעם שֶׁענֶעם גָארטֶען
װָאס בֶּעצִיערט הָאט בּלוּמֶען גרָאזֶען,
דֶען זֵײ קלַײבֶּען אוּן גֶענִיסֶען,
הָאט דֶער װִירטה מִיר נִיט גֶעלָאזֶען.

אוּן פֿוּן מַײנֶעם גרוֹיסֶען צִימֶמער,
װָאלט אִיך קַײן מָאהל נִיט גֶעזוּנגֶען,
דֶען אַײן נַאסֶען קַאלטֶען קֶעלֶער,
הָאבּ אִיך קוֹים פֿאַר זִיך גֶעדוּנגֶען...

אַײן לִיעד זִינגט זִיך מִיר נָאך שטֶענדִיג,
װָאס דֶערמָאהנט מִיר אַלץ מַײן לֶעבֶּען,
װֶען אִיך פֿלֶעג מִיר הוּנגֶער לַײדֶען,
בַּײַ דֶער אַרבַּײט, אִין מַײן װֶעבֶּען.

אוּן דֶעם לִיעדֶעל פִֿיהל אִיך זִיכֶער
װֶעט אִיהר װֶעלֶען אַלֶע הֶערֶען,
דֶען בֶּעשַׁאפֶֿען הָאט דִי װֶערטֶער
מַײנֶע בּלוּטִיג־הֵײסֶע טרֶעהרֶען...

װָאס פֿלֶעגט רִינֶען פֿוּן דִי אוֹיגֶען,
דוּרך דֶעם שלֶעכטֶען װִירטה דֶעם בֵּײזֶען,
אָדֶער צַײטֶענװַײס אִין קֶעלֶער,
װֶען דֶער הוּנגֶער פֿלֶעגט זִיך װֵײזֶען...

געווידמעט מיין פריינד.

ל. ש־נ־ד־ר.

שווער און שרעקליך איז מײַן לעבען
אין דעם ווילדען אָרט,
אָבער דײַנע ליבע אויגען
ציהען מיר צו דאָרט.

פינסטער, שמוציג איז די הײַזלעך,
ס'ציהט מיר ווײַט נאָך ליכט,
גאָר פערשטײַנערט בלײַב איך קוקען
אויף דײַן בלאַס געזיכט.

דען איך פיהל אין דײַנע אויגען
זיצט אַיין שטאַרקע מאַכט,
וועלכע שײַנט ווי אַיין לבנה
אין אַיין שעהנער נאַכט.

און איך שפיר מיר איבערגליקליך,
ווען דו בינסט מיט מיר.
שווער איז, קינד מײַנס, זיך צו שײַדען,
ס'ציהט מײַן הערץ צו דיר...

# דִי לֶעצְטֶע צוּרִיסֶען.

פוּן מײַן גִיטאַרע דער לעצטער קלאַנג
אִיז פּלוּצלִינג געוואָרען אַנטשווִיגען.
פֿערנִיכטעט האָט זִיך אױך מײַן געזאַנג,
דִי סטרוּנעם—צוּרִיסענע לִיעגען.

געזוּנגען האָב אִיך שטענדִיג נִיט שלעכט,
ווען געצִיטערט האָט שוֹין מײַן געווִיסען.
אױף אײן סטרוּנע אִיז אױך געווען רעכט,
נוּר יעצט אִיז דִי לעצטע צוּרִיסען.

מִיר געוואָלט האָט זִיך פֿרעהלִיך זײַן,
כ'האָב געהאָפּט מײַן לעבען פֿערזִיסען;
אִין דִי טענער צוּ דערשטִיקען מײַן פּײַן, —
אוּן יעצט אִיז דִי סטרוּנעם צוּרִיסען.

אִיך געה יעצט אַרוּם נִידערשלאָגען,
פוּן מײַנע אױגען טרעהרען פֿלִיסען
אִיך וואָלט נאָך מײַן אוּמעט פֿערטראָגען,
ווען נִיט זײַן וואָלט דִי לעצטע צוּרִיסען.

# דער קיילען־גרעבער.

נאך ס. ראזענפעלד.

כ׳האָב אַ יונגעלע,
שיינט מיר גאָר אַ פּראַכט.
זעלטען זעה איך איהם,
ווען איך קום ביינאַכט.

דען אַ גאַנצען טאָג,
אַרבייט איך גאַנץ וויַיט,
ווען איך קום פון שאַכט,
שלאָפט ער שוין אַ צייַט.

נאָר די פרוי דערצעהלט,
זייַנע חכמה׳לעך,
פּלאַפּעלט שטענדיג נאָך,
זייַנע ווערטערלעך.

ווי עס פרעגט זיך נאָך
מייַן קינד זאַמעלע,
וואו מייַן פּאַפּינקע,
גוטע מאַמעלע?

נעבען וויגעלע
שטעה איך מיר און בליק.
נעהנטער לאָזט זי ניט,
דען ער שלאָפט מיט גליק.

קושען ציטער איך,
טאָמער וואַכט ער אויף;
לאָז איך איבער איהם
אין זייַן זיסען שלאָף.

אַזוי שטעה איך אויף,
ניט געזעהן מײַן קינד,
און איך לויף צוריק
אין דעם שאַפּט געשווינד.

בײַ דער אַרבײַט דאָרט
ווען איך שטעל מיר נאָר
ווײַנט זיך דאַן אַזוי,
דען עס קומט מיר פאָר:

ווי מײַן אינגעלע —
ענדיגט דאָרט זײַן שלאָף,
זײַן דערמאָהנען מיר —
ווען ער וואַכט זיך אויף.

טרעהרען קײַקלען זיך
פון מײַן גרוים פערדרוס.
ס'ציהט מיר צו מײַן קינד,
שײַנקען איהם אַ קוש...

נאָר איך קען דאָס ניט,
ווײַל מײַן הויז איז ווײַט.
ווידער, איז פערקויפט
דעם גאַנצען טאָג מײַן צײַט.

אַזוי לויפט די צײַט.
ביז איך ווער שוין גראָה.
און איך אַרבײַט שווער
ביז די לעצטע שעה.

און איך זעה גאָר ניט,
ווי עס וואַקסט מײַן קינד.
ביז איך ווער שוין אַלט,
אויף די אויגען בלינד...

# צוּם אַנְדֵיינְקוּנְג.

גֶעדֵייִנקסטוּ, מײַן קִינד, יֶענֶע פִֿינסטֶערֶע נאַכט,
ווִי אַלֶעם אִיז שרֶעקלִיךְ גֶעווֶעזֶען.
אוּן מִיר האָבּען בּײדֶע פֿוּן אַלֶעם גֶעלאַכט.
מִיר האָבּען דִי בּלִיקֶען גֶעלֶעזֶען.

מִיר זײַנֶען גִיגאַנגֶען אִין ווֶעג דאָרט אַרוּם,
בּעלויכטען האָט אוּנז נִיט אֵיין שטֶערֶען.
גֶעוואָלט האָט זִיךְ רײדֶען, גֶעווֶען אִיז מֶען שטוּם,
גֶעדרִיקט האָט אוּנז שרֶעקלִיךְ דִי טרֶערֶען...

גֶעדֵייִנקסטוּ, מײַן קִינד, יֶענֶע פִֿינסטֶערֶע נאַכט,
ווֶען אַללֶעם אִיז דאָרט שוֹין גִישלאָפֿען, —
דאַן האָבּען זִיךְ, קִינד מײַנס, צוויי הֶערצֶער בּעטראַכט.
אוּן אֵיינֶע דִי צווייטֶע גִיטראָפֿען.

אוּן דאַן פֿאַר דעֶם שײַן פֿוּן דעֶם טוּנקֶעלֶען לִיכט,
בִּין אִיךְ לֶעבּען דִיר דאַן גִיזֶעסֶען.
בּעווִיזֶען האָט אַללֶעם דײַן בּלאַסֶע גֶעזִיכט,
גֶעדֵייִנק, דאָס דוּ זאָלסט נִיט פֿערגֶעסֶען!..



# אָהן אַיין ענטפער.

(געווידמעט צו פרידא בעלקין.)

עלענד שוואך און קראַנק
געה איך מיר אַרום,
און עס טהוט מיר באַנג
וואָס די וועלט איז שטום.

ווען ריידען געקענט
וואָלט איך מיט דער וועלט,
וואָלט אַזוי ניט געברענט
מיין הערץ און געקוועלט.

איך וואָלט דאַן מיט מוטה
די פראַגע געפרעגט:
ווי לאַנג וועט מיט בלוט,
די ערד זיין פערפלעקט?...

און אפשר וואָלט מיר
גיענטפערט די וועלט,
דאָס עס איז פון איהר
דער סוד ניט פאַרשטעלט.

טרויעריג און דום
טהו איך בלייבען שטיין.
וויל די וועלט איז שטום,
מיר צוזאָגען „ניין"!...

# איך בּיינק.

אַך! ווי ס'בּיינקט זיך נאָך דעם פריהלינג,
ווען וועט ער שוין צו מיר קומען,
און בּעצירען מיר מיין גאָרטען
מיט די פיעלע שיינע בּלומען.

און בּעקליידען מיינע בּוימער
מיט די בּרייטע גרינע בּלעטער,
איך זאל קאָנען מיט מיין כּלה
זיין דאָרט אין איין שענעם וועטער?

ווען עס שיינט זיך די לבנה
דורך די בּלעטער פון די בּוימען,
בּליקען די נאַטור די שענע,
און אויף אונזער ליעבּע טרוימען.

און די שטראַהלען וועט זיך שיטען
אויף די קעפּ פון די געליעבּטע,
און פערפאַלען וועט דאַן ווערען
די געדאַנקען די בּעטריבּטע...

און פון הימעל וועט אַקילער
ווינטעל פאָכען דורך די בּוימען,
אונד פערשלעפערן אונז בּיידען
אין די זיסע ליבּעסטרוימען...

## די צוריסענע סטרונע.

צוריסען די סטרונע, דער אקארד איינגעשטילט,
געוואָרען איז שטיל אין שלאָפענדען גאָרטען,
די לבנה אין שוואַרצע וואָלקענס איינגעהילט.
איין שרעקליך רוישענדער ווינד פייפט זיך דאָרטען.

עס ציטערט אין מײַן הערצען דער לוסט צו געזאַנג,
וואָס וויל בעגלייטעט נאָך ווערען פון פידעל,
וואָס וויל נאָך צולעצט אַרויס אין וואַלד מיט איין קלאַנג
וואָס וויל צורײַסען די וועלט מיט איהר לידעל.

אומזיסט! עס ליגט יעצט מײַן שטים ווי אונטער אַ פרעס,
פערשרויפט האָט די צרות מײַן געוויסען.
צוויי ווערטער קוים הער איך נאָך: „ניט ליב, נאָר פאַרגעס!
ס'איז פינסטער די וועלט, די סטרונע צוריסען.

## איך גלויב ניט.

איך גלויב ניט אין קינדער פון עלטערען רײַכע,
וועלכע שטרעבען פיר רעכטען אַלגעמײַן גלײַכע,
וואָס זאָרגען און ריידען פון אַרבײַטערס לעבען, —
און זייערע וועלען זיי קיין מאָהל ניט געבען.

דערפאַר ווײַל זיי לעבען די לאַגע ניט איבער,
זיי ווייסען נאָר דאָס, וואָס אַ צווייטער גיט איבער.
זיי האָבען ניט קיין דריקער, זיי פיהלען קיינע שלעכטץ
דעם אַרבײַטער בלײַבט נאָר זייער זיפץ, זייער קרעכץ.

# דער טויט.

גרויס און שרעקליך איז דיין קבר,
גרויזאם בינסטו פאר דער וועלט!
נאר איך איינער האב ניט מורא,
איך שטאלציר מיט דיין געצעלט.

שרעקליך בינסטו נאר פאר רייכע,
ווער ס׳לעבט גליקליך אויף דער וועלט,
וועלכע האבען פאלשע הערצער,
ליבען נאר דעם גאט פון געלט.

אבער דער וואס האט נאר ליידען,
וואס זיין לעבען איז צושטערט,
איז דער טויט איהם איין ערלייזער
און איין שיצער ווערט די ערד.

וויל ער איז א פריינד א טרייער,
און ער דארף איהם זיין בעליעבט,
דען ער מאכט צו אלץ איין ענדע,
וואס איהם איז פון לאנג בעטריבט.

און איך שטרעק מיין האנד איהם שטענדיג,
דעם בעפרייער פון דער נויט,
ניין! איך האב פאר איהם קיין מורא,
דען א פריינד איז מיר דער טויט.

# דִי לֶעצְטֶע שְׁטוּנְדֶע.

צום אנדיינקען פון לינא וואלאך

דער קערפּער צוּטריקענט, דער פּנים איז בלאַס,
און שווער ווערט דער אָטהעמען יעדער מינוט,
איהר פּנים פּוּנים לעצטען שוויים ווערט איהר נאַס,
און ס׳הערץ איה־ע זאָגט איהר: „דוּ טויגסט שוין מעהר נִיט".

די שוואַכקייט ווערט גרעסער; צוּ רעדען ווערט שווער,
און הוּסטענדיג פיהלט זי ס׳ענדיגט זיך איהר מוּטה,
און צייטענווייז קייקעלט אַראָפּ זיך איין טרעהר,
אַ טרעהר אויף דער וועלט, וואָס זי נוּצט איהר שוין נִיט

דאָך ווילט זיך ניט שיידען חאָטש בלייבען איז שווער,
איינרעדען ווילט זיך איהר, דאָס ס׳וועט נאָך זיין גוּט,
נאָר ווען ס׳קוּמט איהר אוּיס—זיך צוּ געבען אַ קעהר,
דאַן ווייזען די גליעדער דאָס זי נוּצט שוין מעהר נִיט.

עס שטעהט נעבען בעטעל די מאַמע און וויינט,
ווען העלפען? וואָלט זי נאָך דאָקטוירים געבראַכט,
זי זיפצט און בעט גאָט מיט פערבראָכענע הענד,
אביסעלע גרינגער זאָל זיין איהר די נאַכט.

טיק טאַק קלאַפּט דער זייגער אין קאָפּ אָהן אַ צאָהל,
די פייגלען זיי הילכען, די זוּן שיינט אַרוּיס,
נאָר פּלוּצלינג, דערהערט זיך אַ הוּסט מיט אַ מאָהל,
דער זייגער שלאָגט לאַנגזאַם—און געהט מיט איהר אוּיס...

# מַיין רַאטְה.

וועֶן עֶס קומט אָן פֿון פֿעֶרצווייפֿלונג די בִיטעֶרעֶ צַייט,
און דײַן העֶרץ אִיז שוֹין מיער, אַנטלויף פֿון מעֶנשעֶן גאַנץ ווײַט
צו די רייִנעֶ נאַטור אִין שוים.
און פֿעֶרגעֶס דאָרט אִין דעֶר צײַט דײַנעֶ לײידעֶן און שמעֶרץ,
און עֶרקוויִק דאָרט גאַנץ רוהִיג דײַן צובראָכעֶנעֶ העֶרץ
מִיט די לופֿט פֿון דעֶם נאַטורם=כוס.

צו דעֶם פֿעֶרטראַכטעֶן וואַלד העֶר זיִך צו גוט, ניט פֿעֶרגעֶס
אַז דאָרט אִין דעֶר נאַטור אִיז אומבעֶוואוסט דעֶר פראָגרעֶס
פֿון דעֶם אַרבײַטס=קאַמפֿ דעֶם שווערעֶן.
העֶר זיִך דאָרט אײַן צו דעֶם מײינונג פֿון לוסטיִגעֶן טײַך,
ווי עֶר שנײַדט אָהן אײַין אויפֿהעֶר די וואַלעֶן אויף גלײַך,
וואָס פֿאָלגעֶן דעֶם וויִנד גאָר געֶרעֶן.

אָפֿעֶן רעֶד אַרוים וואָס ליִעגט אִין דעֶם העֶרצעֶן געֶהײמ,
פֿאַר דעֶם ליִעבליִכעֶן אָײעֶנד=בליִק פֿון הימליִשעֶן רוים,
בעֶט אײַן ראַטה זאָל עֶר דיִר געֶבעֶן.
און מוטהיִג דעֶרצעֶהל דאָרט דײַן בעֶהאַלטעֶנעֶם געֶדאַנק
פֿאַר דעֶם דיִמאַנטעֶנעֶם שײַן פֿון דעֶם שטעֶרעֶנדעֶלס בלאַנק,
וואָס ברעֶנט אִינ׳ם געֶטליִכעֶן לעֶבעֶן.

די נאַטור וועֶט פֿעֶרשטעֶהן דיִך, זי וועֶט דיִר בעֶפֿריִשעֶן
דײַן פֿעֶרטריִקעֶנטעֶ העֶרץ און געֶפלאַגטעֶן געֶוויִסעֶן
ס׳וועֶט גלײַך דײַן אומעֶט פֿערשוויִנדעֶן.
וועֶסט אַוועֶק אַ בעֶנײַטעֶר, וועֶסט קאָנעֶן ווײַטעֶר
האַסעֶן און ליִעבעֶן און שטעֶהן שטאָלץ אַ בעֶרײַטעֶר,
צו לײַדעֶן נאָך שטאַרקעֶר די וואַנדעֶן.

אין פֿערצווײַפֿלונגס־מינוטען, אין ביטערע נויטען,
מיט דײַן פֿערביטערטע האַרץ אַנטלויף דאַן פֿון לײַטען,
אויף די פֿרײַע שוים פֿון נאַטור.
זי וועט דיר בעגײַסטערן דײַן שכל דעם ברייטען,
וועסט גלײַך אונטער איהר ווירקונג פֿערגעסען די נויטען,
פֿון פּײַן וועט ניט בלײַבען קײַן שפּור...

* *
*

אָהן ליעדער איז מײַן הערץ בעטריעבט,
די וועלט איז קאַלט, דער קערפּער מיעד,
ווי קען מײַן לעבען זײַן בעליעבט,
ווען ס'ווערט פֿערשטומט דאָס לעבענס־ליעד?

דערצײַלען איז אָן ליעדער שווער,
וואָס ליעגט בעגראָבען טיעף אין הערץ.
אָהן אײַין פֿרייד־ליעד, איז לאַכען שווער,
אָהן אײַין קלאָג־ליעד איז גרויס מײַן שמערץ.

# חֲנֻכָּה.

ווִיעדער קומט דער אַלטער יום טוב,
וועלכער איז אונז גוט בּעקאַנט;
און דער אַלטער זיידע, מיינער,
האַלט די ליכטעל אין זיין האַנד.

און צינדט אָן און זאָגט די ברכה
אויף די נסים פון אַ מאָל,
ווי דער יוד איז שטאַרק געווען,
חאָטש געווען איז קליין זיין צאָהל.

און עס לויפט איהם דורך געדאַנקען,
און ער רעדט צו זיך אַליין:
אַך! ווי גליקליך וואָלט איך געווען,
ווען דער נס זאָל יעצט געשעהן.

פּלוצלינג נעהמט איהם דורך אַ שוידער
מתיתיהו׳ס גרויסער בּילד;
און ער קריגט שוין בּאַלד חרטה,
און ער רעדט אוים לאַנגזאַם מילד:

ניין! עס קאָן נישט זיין נסים,
רעדט ער שוואַך אַרוים מיט שמערץ,
מתתיהו איז געשטאָרבּען...
און פערצווייפעלט ווערט זיין הערץ.

און איך זעה מיר פון דער וויטען
ווי דעם זיידענס יאוש שוועבּט;
גוטער זיידע, טרייסט איך פּלוצלינג —
האָסט אַ טעות, דגן ער לעבּט...

ער איז שוואַך, נאָר ניט געשטאָרבען,
און אויך קומען וועט די צײַט,
ווען זיך שלאָגען מיט דעם שונא.
וועט זײַן אייניקעל זײַן גרייט.



* *
*

אוי ווי נאַריש איז ווען ס'בייַנקט זיך,
ווי משוגע זײַנען מענשען,
וואָס זיי דוכט זיך, דאָס עס וועט אייביג
זיי אַלץ ליבען, און אויך גלענצען.

און ווי נאַריש איז דער פריהלינג,
די נאַטור, און אויך די בלומען.
דען די ליעבע וועט צום ענדע
מוזען דאָך איר ציעל בעקומען...

און דאַן שאַפט דאָס גליק איין קבר,
און פאָן הערצען ווערט פערשוואונדען
יענע גליהענדע הייסע ליבע,
וואָס געמאַכט האָט אַמאָל וואונדען.

# זַיין אָדֶער נִיט זַיין !

צום אנדיינקונג וואלפסאהן.

זאָל אִיךְ זַיין און עֶווִיג שפִּילֶען
נוּר דִי ראָלֶע פוּן אֵיין לאַסטִיר,
און דעֶם שווערֶען פּאַק פוּן לַיידֶען
טראָגעֶן דולזאַם און שווַיינֶענדִיג ?
זאָל אִיךְ דעֶם וואולקאַן פוּן צאָרן
און דִי גלוטִיק הַייסֶע לאַווֶע,
וועֶלכֶע רַייסט זִיךְ ווִי אֵיין טִיגֶער,
וואָס מעֶן האָט אִין אֵיין שטַייג פֶערשפּאַרט;
זאָל אִיךְ יעֶנֶע זודִיג הַייסֶע
צאָרעֶן פוּנקעֶן פַייעֶר פלאַמעֶן,
וועֶלכֶע גלִיהעֶן אִין מַיין האַרצעֶן
אִין אַיין אֵיינגעֶן שטַייג פֶערצאַמעֶן ?

אָדעֶר זאָל אִיךְ ווִי אֵיין ש׳זאַבּעֶ
פלאַשקעֶן זִיךְ אִין לעֶבּעֶנס בּלאָטעֶ,
זִינגעֶן לַייבּ געֶזאַנג דעֶם עולם,
האַלטעֶן טאַקט דִי שווערֶע קנוטעֶ ?
זאָל אִיךְ נעֶמעֶן פאַלשֶע טאָנעֶן,
פאַלשֶע נאָטעֶן און דִיסקאָרדעֶן
און זִיךְ פִילעֶן אִיבּעֶרגלִיקלִיךְ,
ווען מִיט בּייפאַל צאָלט דִי שלעֶכטס ?
וואָס ? אַ שטִיפֶעל קנעֶכט בַּיי יעֶנעֶם,
מִיט אַיין קרום גִיבֵּיינעֶן רוקעֶן
זעֶהן ווִי אַללעֶם לאָזט זִיךְ שִינדעֶן,
אַללעֶם זעֶהן און שווַיגזאַם --- קוקעֶן ?

זאָל איך זײַן? און װײַטער לײַדען,
װײַטער דולדען אָהן אײן אױפהער,
און געבונדען װי גאָט דאַנטאַלוס
שטײַן לעבען רײַך גיגרײַטען טיש?
זאָל איך װי אײן צװײַג זיך בײַגען
פאַר דעם קלענסטען לעבען־שטורעם,
אָדער װי אײן שטאָלצע אײכע
פאַלען װי אײן שטורעם קומט?
זאָל איך זײַן? און װײַטער בײַגען,
בײַגען דעמוטיג מײַן קאָפּ?
זאָל איך קניען, קריכען, שמײכלען
פאַר יעדען שטאָלצען פילאַנטראָפּ?

זאָל איך זײַן? שטאָלץ מײַן קאָפּ ערהויבען
לאַכען פון דעם בײזען שיקזאַל,
און װי ברוטוס אונערשראָקען
קעמפפען געגען צעזאַרטהום?

קעמפפען געגען יענע כװאַלעם
װעלכע װילען מיר פערשלינגען?
אָדער זאָל איך װי אײן חונף,
הערשער, לײב געזאַנגע זינגען?

זאָל איך זײַן? און מײַנע אָרעם שטאַרקען,
און פערניכטען זיך און אַללעם,
און פערשװינדען פאָן דער סצענע
פון דעם גלוטיג הײסען קאַמפף?

זאָל איך פליהען פון דעם קאַמפף פלאַץ,
װי עם פליהען רענעגאַטען,
און פערלאָזען מײַנע ברידער
אין יענעם שטורעם פון דער צײַט?

אָדער זאָל איך, װי אַ־שמשון,
בלינדלינג קעמפפען געגען שונא,

אוּן צווַארפֿעֶן יעֶנעֶ טעֶמפּלעֶן
וואו עֶס הוּלעֶט רױבעֶרײַ ?

זאָל איךְ לעֶבעֶן ? זאָל איךְ האָפֿעֶן ?
זאָל איךְ קעֶמפּפֿעֶן, בּראַוו אוּן מוּטזיִג ?
אָדעֶר זאָל איךְ ווי אַיין שוועֶלבלִינג
טרעֶרעֶן גִיסעֶן אָן אַ שִיעוּר ?

אַך ! געֶוויִסעֶן שוואַרץ פֿעֶרשלײַעֶרט,
עֶנטפֿעֶר ! עֶנטפֿעֶר ! עֶנטפֿעֶר ז׳שעֶ מִיר !

אַךְ געֶוויִסעֶן, העֶר מײַן תּפֿלה,
זעֶה פֿאַרלאָז מִיר אוֹיף אֵיין ווײַלעֶ,
דעֶן דוּ אֵיינעֶר האַלסט צוּריִק מִיר
דעֶן דוּ אֵיינעֶר הײסט מִיר זײַן.



# מײַן ליעד.

געווידמעט מײַן חבר שמואל׳ן.

חאָטש עס בײַטען
זיך די צײַטען
דאָך זעלבסשטענדיג בלײַבט דער מענש.
און זײַן לעבען
נעהמט ער וועבען
מוטהיג, שטענדיג נאָך זײַן וואונש.

חאָטש עס בײַטען
זיך די צײַטען
ווי דעם מענשען ניט געפֿעלט,
שטענדיג שטעהט ער
אַ געגרײַטער —
„קאַמפּף" הײַסט לעבען אויף דער וועלט.

און זײַן שׂכל
גיט אַ שמײכֿעל
חאָטש איהם שרעקליך דריקט די קנוט,
ווײַל די צײַטען
מוז זיך בײַטען —
„זיך ניט בײגען" שרײַט אויס זײַן מוטה.

וואָס?—זיך שרעקען
פֿאַר איין שטעקען
וועלכֿע איז געמאַכֿט פֿון האָלץ.
נײַן, איך רעכען
איהם צו ברעכֿען
אַ מענש בין איך, שטאַרק און שטאָלץ.

צײַטען! בײַט זיך

ווי איהר. ווילט זיך

כ'וועל ניט ווערען פון אײַך מיער,

מיט אײַך צײַטען

וועל איך שטרײַטען,

מיט אײַך אין קאַמפף רופט מײַן ליעד.

* *
*

ווען איך זאָל יעצט מענשענס הערצער

גוטע, רײַנע נעהמען קלײַבען,

דאַן וועט ברודער, האָב איך מורא

זעהר וועניג בײַ אונז בלײַבען...

ווען עפענען זאָל איך הערצער,

ס'זאָלען אַלע דאָרט פרײַ בליקען,

דאַן וועט די שווערע פאַלשקײַט, ברודער!

האָב איך מורא אונז דערשטיקען.

# תִּשְׁעָה בְּאָב.

געווידמעט דעם זיידען.

נִיט אויף דיינע מלכים׳ס קברים,
טרויער זיידע, גיס אויס טרעהרען;
טרויער אויף די אלטע צייטען,
וואס זיי שטענדיג דיר געהערען.

ווייל פון דיר האבען זיי געלעבט,
נאר פאר זיי האסטו געשטריטען,
פאר מענשען פון דער זילבער פאלק,
גאנץ גענוג האסטו געליטען.

טרויער אויף די גרויסע העלדען,
וואס זיי פלעגען מוטה ערוועקען;
לויפען פארווערטס אויף דעם קאמפף-פלאץ
און דיין פאהן מיט בלוט בעדעקען,

וואס פלעגט ריינען פון די קעמפפער,
רייסענדיג דעם שונא׳ס קייטען;
טרויער זיידע אויף די העלדען—
טרויער ביטער אויף די צייטען.

טרויער אויף די אלטע צייטען,
וואס זיי האבען זיך געביטען.
ווען דו פלעגסט דיין בראווען קעמפפער
שטאלץ מיט בלומען איהם בעשיטען.

דאן א, זיידע, האסט פערשטאנען —
קעמפפער דארף מען שעצען, לויבען.
שיצער זיינען זיי דעם לעבען
וואס דער שונא וויל דאס רויבען.

און די טאַטעס מיט די מאַמעס
פֿלעגען לערנען קינדער שטרײַטען.
מוטהיג פֿלעגען װאַקסען קעמפֿער;
טרויער זײַדע אויף די צײַטען.

און די טאַטעס דאַן בעגײַסטערט
פֿלעגען קינדער נאָך בעגלײַטען —
פֿאָדערט ראַכע — זײַ אָנזאָגען,
ציטערט ניט פֿאַר קײַנע טויטען.

און פֿערזאַמלען פֿלעגען זיך אידען,
קוקען װי די קעמפֿער רײַטען
פֿון די נויטען צו בעפֿרײַען —
טרויער זײַדע אויף די צײַטען.

טרויער איצטער אויף דײַן קופֿרע,
װאָס עס װאַקסט דיר אויף אַלץ גרעסער.
װאָס דעם יאוש'ס גרויסער רײַטער,
זעהט צו רײַטען אויף דיר בעסער.

ס'ציהט דיר זײַדע צו די קברים,
װײַל דער יאוש האָט גענומען.
געה! און לאָז די יונגע דורות
צו דעם פֿריהלינג, צו די בלומען.
דען דו קענסט זיך שוין ניט ריהרען
פֿון דײַן קופֿרע, װאָס געבוינגען
האָט דער גרויסער שטאַרקער יאוש,
װאָס ער ליעגט דאָרט אוים געצװיגען.

שטאַרבען מוזטו דאָ אין מדבר
װײַל דער יוגענד האָט גענומען...
נאָר מצבות װעט ער שטעלען.
װען זײַן גרויסער טאָג װעט קומען.

# דָאס לֶעצְטֶער לִיעד.

אויסגִיזוּנגעֶן אִיז גִיוואָרעֶן דעֶר לעֶצטִינקעֶר לִיעד,
אִין דעֶם פִינסטעֶרן אָבגרונט פוּן טײַךְ.
און גִיעֶנטפֶערט דעֶם טאַקט האָבעֶן די וואַלעֶן מִיעד,
זִיךְ וואַרפעֶנד מִיט די שִיפלעֶךְ צו גלײַךְ.

און אַלץ האָט דעֶר לִיעד אִין דעֶר פִינסטעֶר אִיבעֶרגעֶבעֶן,
פוּן בִיטעֶרן פִינסטעֶרן לײַדעֶן,
פוּן גִיוועֶזעֶנעֶם יוגעֶנד און גלִיקלִיכעֶן לעֶבעֶן,
פוּן לעֶבעֶן, אִין צרות און לײַדעֶן.

אָפעֶן אִין דעֶם לִיעד האָט די נאַכט ארויסגִיזאָגט גלײַךְ,
וואָס לאַנג אִיז דאָס גִיוועֶן פעֶרבאָטעֶן,
און די אַייבִיגעֶ עדות, פעֶרבלײַבט אִיצט נאָר, דעֶר טײַךְ —
די וואַלעֶן, די נאַכט און דעֶר שטן.

און דעֶרהעֶרט האָבעֶן שִיפעֶן פוּן דעֶר פִינסטעֶר דעֶם לִיעד,
אַלס רעֶטונג געֶשרִיעֶן געֶקלוּנגעֶן.
נאָר די וואַהלעֶן האָבעֶן גִיעֶנטפֶערט וויֵינעֶנד אונד מִיעד:
„דעֶר לִיעד האָט צוּלעֶצט שוֹין געֶזוּנגעֶן"...

# איך לאך!

(אוים רוססיש י. סאבאל).

איך לאך, ווען עס לעבט זיך מיר ביטער און שווער,
ווען איך פיל דאס כ'האב פערלארען מיין מוטה,
איך לאך פון פרייהייט, וואס דאס איז מיין באגער
פון איין גוטען לעבען — לאך איך מיר גוט.

איך לאך פון מיין קעמפפען, כ'לאך פון מיין שטרעבען,
כ'לאך פון די קייטען, כ'לאך פון די ריטער,
כ'לאך פון מיר, כ'לאך פון מיין לעבען,
כ'לאך—ווען וויינען ווילט זיך מיר שרעקליך און ביטער.

# איך האף.

דרייסט גיקעמפפט האב איך אין לעבען,
ניט גיווארען מיעד;
פיל געליטען דורך מיין שטרעבען,
וויל איך צווייפעל ניט.

אין דעם גרויסען טאג וואס קומען
מוז ער דאך, מיט דער צייט,
דאן פאר די ליידען, וועט מען בלומען
ברייגען נאך מיין טוידט.

# איך זוך.

אִיך זוּך אַיין הערץ, מײַן פֿרײַנד, אִיך זוּך,
וואָס זײַן זאָל זִי מײַן גאָט אַלײַן,
וואָס פִיהלען זאָל זִי מִיר מײַן שמערץ,
וואָס רִיהרען זאָל אִיהר מײַן געוויין.

אִיך זוּך אַיין הערץ, מײַן פֿרײַנד, אִיך זוּך,
מִיר לִיעבּער זאָל זִי זײַן פֿאַר אַלץ,
וואָס מִיט אִיהר שענעם קלוּגען בּלִיק,
זאָל זִי צוּבּרעכען מִיר מײַן שטאָלץ.

אִיך זוּך אַיין הערץ, מײַן פֿרײַנד, אִיך זוּך,
וואָס ערלערנען זאָל זִי מײַן גײַסט,
וואָס געבּען זאָל זִי מאַכט אוּן מוּטה,
וואָס זאָל מײַן לעבּען מאַכען דרײַסט...

אִיך זוּך אַיין הערץ, מײַן פֿרײַנד, אִיך זוּך,
אוּן ווען געפִינען ווער אִיך אִיהר,
מעג זִי מִיט שטאָלץ שוֹין זײַן בּערײַט,
אַז אייבּיג בּלײַבּט זִי שוֹין מִיט מִיר.

# מַײן יוגֶענְד.

דעֶרמאָהנט האָבֿ אִיךְ אַללעֶס די נאַכֿט,
דעֶם גאָרטעֶן, די בֿלעֶטעֶר, די בֿלומעֶן;
און אַללעֶס וואָס אִיךְ האָבֿ געֶטראַכֿט,
אִין יעֶנעֶ פֿעֶרגאַנגעֶנעֶ טרוימעֶן.

און אַללעֶס קומט פֿאָר ווי עֶס שטעֶהט,
אַנטקעֶגעֶן אונז בֿײַדעֶן, און העֶרעֶן
פֿון העֶרצעֶן די ליִעבֿליִכֿעֶ רײַד,
און ליִעבֿליִךְ בֿעֶלײַכֿטעֶן די שטעֶרן.

ס׳קלאַפּט מִיר אִין האַרצעֶן דעֶר האָפֿעֶן,
ס׳צוגִיסט זִיךְ דעֶר העֶרליִכֿעֶר װײַדעֶן.
ווי ליִעבֿ אִיז אונז בֿײַדעֶן דעֶר טרעֶפֿעֶן,
אַז ס׳דוכֿט זִיךְ — מעֶן וועֶט זִיךְ נִיט שײַדעֶן.

און פֿעֶרגעֶסעֶן האָבֿ אִיךְ אִין דעֶר צײַט,
פֿון אִיצטעֶר דעֶם שרעֶקליִכֿעֶן שמעֶרץ,
אָ, יוגעֶנד, חאָטש דו בִֿינסט זעֶהר ווײַט,
דאָךְ שִיק אִיךְ אַ דאַנק פֿון מײַן העֶרץ.

# מַיין יִאוּש!

זִינגען ווילט זִיךְ מִיר אִיצט, זַיידע,
טאַקע פֿוּן דער אַלטער צײַט,
ווען געווען זײַנען מִיר בֵּיידע
אֵיינער פֿוּן דעם צווייטען ווײַט.

אִיךְ דערמאָהן מִיר אִיצט דײַן לִיעדעל
וואָס שטענדיִג פֿלעגסטוּ זִינגען מִיר:
„גערײַנק, ס'ט'פֿלאַצען בּאַלר דײַן פִֿידעל —
וועסט זִיךְ בּײַטען זאָג אִיךְ דִיר!"

זײדע מײַנער, כּ'פִֿיהל—דִי צײַטען
האָבּען אִיצט פֿערצווייפֿעלט מִיר;
זײַ נִיט, זײדע, אִיצט פֿוּן ווײַטען,
לאָמִיר זִינגען אִיצט דײַן שִׁיר.

זעה, אִיךְ בּעט דִיר, לאָמִיר זײדע
זִינגען, ווײַל דוּ האָסט דערלעבּט,
דאָס פֿרײַנד זײַנען מִיר אִיצט בּײדע
כל זמן דער יִאוּש שוועבּט.

קוּם צוּ נעהנטער, זִיסער זײדע,
כ'וועל זִיךְ זעצען לעבּען דִיר;
לאָמִיר אָנהוֹיבּען אִיצט בּײדע
זִינגען הויךְ דײַן יִאוּש שִׁיר...

# אַנייטיגער בריעף צו אַלע

## בוכהענדלער ביבליאָטעקען און לעהרער.

אום צו געבען די מעגליכקייט די אַלע קויפער אַלם אויף איין אָרט אויף גרויסע פראָצענטען צו בעקומען, האָבען מיר יעצט אויסגעפילט אונזער געשעפט אין גרויסען פאָרמאַט פון אַלערליי נייעסען, די גאַנצע

## זשארגאנישע ליטעראטור.

וואָס איז ערשינען אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד:

טעאַטער שטיקע, אוצעבניקעס העברייאישע און זשאַרגאָנישע פון פרעמדע אויסגאַבען ווי אויך פון מיינע אייגענע, ווינש-קאַרטען, נייע מוסטערען צום נייען סעזאָן. פאָסט-קאַרטען קריסטליכע און יודישע.

בעשטעלונגען ווערען אָרענטליך בעהאַנדעלט און גיך אַרויסגעשיקט.

Книж. маг. Израелитъ, Рудницкая ул., Вильна.

8875